לאדזשער טאגעבלאט

דער רעדאקטאר נעמט אָן פון 6 ביז 8 אָוו.
נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען
ווערען נישט צוריקגעשיקט.

„Łodz. Tageblat" Łódź Piotrk. 16
Skrz. poczt. 16
טעלעפאנען: רעד. 100.57 אדמ. 100.47

## די ניי-געשאפענע לאגע אין דייטשלאנד

די גאנצע פוילישע פרעסע פארנעמט זיך מיט דער ניי-געשאפענער לאגע אין דייטשלאנד נאכ'ן משוגה'דיגען אויפלעזען דעם רייכסטאג.

„היטלער און פאפען — שרייבט דער „ראבאטניק" — קעמפען וועגען דער...

# די נייע בעשטייערונגען לטובת די ארבייטסלאזע

דער הויפט-קאמיטעט, ווי אויך די לאקאלע קאמיטעטען צו טראגען הילף די ארבייטסלאזע האבען, נאך א לענגערע צייט פון זייער עקזיסטענץ, געמוזט זיך ליקווידירען.

...

דער נייער פאנד האט אזוי ארום די זעלבע אויפגאבען, וועלכע עס האט געהאט דער פריהערדיגער הויפט-קאמיטעט מיט'ן אונטערשיד בלויז, וואס דער נייער ארגאניזאציע ווערט געגעבען די יורידישע פערסאנאליטעט. דער פאנד פאר ארבייטסלאזע ווערט א יורידישע פערזאן, וועלכער וועט אלע זיינע ארבייטען אויספיהרען לויט א פעסטגעשטעלטען סטאטוט.

כדי אבער צו זיכערן די עקזיסטענץ פון אזא פאנד, ער זאל נישט ווערען טירען אין אויך ניט זיין אויסגעשטעלט נאר אויפ'ן גוטען ווילען פון דער בעפעלקערונג, וועלכער האט, ווי מיר האבען עס געזעהן, נישט איינמאל פערפיהרט. ווערען איצט בעשטימט סטאבילע אפצאהלען לטובת דעם נייעם פאנד. די שטענדיגע אפצאהלען וועלען דערמעגליכען, לויט דער מיינונג פון מאסגיביגע ספערן, א פלאנמעסיגע אויספיהרונג פון די אלע אויפגאבען, וועלכע דער פאנד האט זיך געשטעלט.

די נייע אפצאהלען וועלען גענומען ווערען פון א גאנצער רייה קאנסומציע-ארטיקלען, ווי אויך פון געוויסע הכנסה-קי אלען. עס זענען תארא אויסגעזעהן ...

...

די דאזיגע אויספיהר-פארארדנונג בנוגע דעם אופן פון אויסמעסטען און איינמאהנען די אפצאהלען לטובת דעם נייעם פאנד.

...

סיי-ווי אין א צושטאנד פון דעפרעסיע. די רעגירונגס-פרעסע איז אין דעם פרט אפטימיסטישער. דער נאהענטסטער עתיד וועט אונז בעווייזען דעם אמת.

מגר. י. ווארשאווסקי.

## אראבער ווילען נישט איינלאדען יוד. פירמעס צו די א"י-אויסשטעלונג

ירושלים, (יט"א) די אראבישע עקזעקוטיווע האט, ווי עס איז זייגער צוים געווען מיטגעטיילט, בעשלאסען אין 1933 איינארדנען אין ארץ ישראל אן אויסשטעלונג פון נאהענטען מזרח. די אראבישע אויסשטעלונג, אויף וועלכער עס זאלען זיין רעפרעזענטירט א"י, איראק, סיריען און עגיפטען, דארף זיין א מין קאנקורענץ-אונטערנעהמונג נעגען דער ערפאלגרייכער אויסשטעלונג און יריד פון א"י און נאהענטען מזרח, וואס איז דעם לעצטען פריהלינג פארגעקומען אין תל-אביב אויף דער אראבישער אויסשטעלונג זאל אויך ארגאניזירט ווערען אן אנטיראפעאישע סעקציע.

די א"י-רעגירונג האט געפרובט די איינפלוסען די אראבישע ארגאניזאציעס און דער אויסשטעלונג, אז ווי זאלען צו דער אויסשטעלונג איינלאדען אויך יודישע פירמעס.

איצט האט די אראבישע עקזעקוטיווע מיטגעטיילט דער רא"י-רעגירונג, אז זי האט בעשלאסען אפצואווארפען דעם פארשלאג פון דער רעגירונג און וועט קיין יודישע פירמעס צו דער אויסשטעלונג נישט איינלאדען.

## ק.ה.ל.-קאנפערענץ אין שטראסבורג

פאריז, (יט"א) אין דער לעצטער וואך פון סעפטעמבער וועט אין שטראסבורג פארקומען א גרויסע קרן-קימת-קאנפערענץ מיט'ן אנטייל פון ד' מ. מ. אוסישקין.

די קאנפערענץ וועט דויערן איינציגע טעג און עס וועלען זיך אין איהר בעטייליגען דעלעגאטען פון פראנקרייך, בעלגיען, שווייצאריען און לוקסענבורג.

עם ווערען אויך ערווארט פארשטעהער פון די קרן-קימת-קאמיטעטען אין טוניס, אלזשיר און מאראקא. צוזאמען זאלען זיך אין דער קאנפערענץ בעטייליגען העכער 100 דעלעגאטען.

## פאר'ן צווייטען קאנגרעס פון יודישע סטודענט פון פוילען, וואס שטודירען אין אויסלאנד

פון ד"ר א. ריבקינד

...

יודישען אקאדעמיקער איז זעהר א שווערער, פיל צרות געהט ער אדורך, ביז ער דערגרייכט זיין ענד-ציל. די מלוכה'שע ארגאנען און די יורידישע געזעלשאפט דארפען איהם בייהילפיג זיין און איהם פערלייכטערן דעם ציל צו דערגרייכען!

## אפקלאנגען פון דער פוילישער פרעסע

מכח דער „מינדערהייטס-פאליטיק פון דער „סאנאציע"

די „גאזעטא ווארשאווסקא" שטעלט זיך ווידער אמאל אויפ'ן דאפעלטען שפיל פון רעגירונגס-לאגער בנוגע די קארטעלען. „פון אונז זענען געפאדערט מען ...

...

# יודען, וועלכע רייסען זיך צו פאהרען קיין רוסלאנד

## וואס עס דארף וויסען יעדערער, וועלכער טראכט פון אזא רייזע

א יוד קומט צו מיר אין בערלין נאך אן עצה:

— זאל ער פאהרען קיין סאוויעט-רוסלאנד, אדער נישט?..

...

גלייכגילטיג — וועל איך ווערען א סאוויעטישער בירגער.

— און דאס וועט אייך שטעלען שפעטער אין זעהר א געצווימטע לאגע — ...

...

זאך אזוי, אז דער יוד זאל זיך נישט מאכען קיין איבערטריבענע אילוזיעס.

— אנשטענדיג געקליידעט! — כאפט מיין בעזוכער א קוק אויף זיין אנצוג ...

...

וויעטישער בירגער. איהר וועט קריגען ארבייט. אבער איהר וועט פון סאוויעט-רוסלאנד שוין נישט קענען ארויספאהרען.

...

